## 16. גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, מילנער מיין

1. גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, מילנער מײַן!
צי האָסטו ניט אַ שיין ווײַבולײַן?
מיר וועלן פֿאַר איר טײַער באַצאָלן,
מיר וועלן פֿאַר איר טײַער באַצאָלן.

2. דער ערשטער צוג איז בײַטלשנור,
פיר הונדערט דאָלער באָט מען נור;
דער מילנער טוט די ווײַבכען פֿירן,
דער מילנער טוט די ווײַבכען פֿירן. *$400*

3. דער צווייטער צוג איז בײַטלשנור,
אַכט הונדערט דאָלער באָט מען נור; *$800*

*intensifying repetition*

דער מילנער טוט די ווײַבכען פֿירן,
דער מילנער טוט די ווײַבכען פֿירן.

4. דער דריטער צוג איז בײַטלשנור,
*$1200* צוועלף הונדערט דאָלער באָט מען נור;
דער מילנער טוט די ווײַבכען פֿירן,
דער מילנער טוט די ווײַבכען פֿירן;

5. דער מילנער טראַכט אין זײַנע זינד,
צוועלף הונדערט דאָלער איז שוין פֿיל;
דער מילנער טוט אין אײַלן לויפֿן,
און איז גלײַך צו הויז געקאָמען:

6. „גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, ווײַבולײַן!
איך האָב דיר געבראַכט טרויערשאַפֿטײַן;
דײַן מוטער איז געשטאָרבן,
דײַן מוטער איז געשטאָרבן".

7. דאָ גייט זי גלײַך אין שלאָפֿצימער אַרײַן
און טוט גלײַך שוואַרצע קליידער אָן;
און טוט אין אײַלן לויפֿן,
און טוט אין אײַלן לויפֿן.

8. און ווי דעם מילנערס ווײַבולײַן
איז דאָך אין וואַלד אַרײַן;
דרײַ מערדער אַנטקעגן קאָמען,
דרײַ מערדער אַנטקעגן קאָמען.

9. „גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, ווײַבולײַן!
צי בינסטו ניט דעם מילנערס ווײַבולײַן?
מיר האָבן פֿאַר דיר טײַער באַצאָלט,
מיר האָבן פֿאַר דיר טײַער באַצאָלט".

10. דער ערשטער טוט דעם מאַנטל שפּרייטן,
דער אַנדערער דעם מעסער אין האַנט;
דער דריטער וויל שוין שנײַדן,
דער דריטער וויל שוין שנײַדן.

11. „האַלט אײַן, האַלט אײַן, מערדער מײַן,
לאָזט מיר דרײַ שטימען טאָן;
דער ערשטער צו דעם אויבערשטן,
די צווייטע צו מײַן מוטער,
די דריטע צו מײַן ברודער.

*עס פעלן סטראפעס*

12. „מײַן ברודער, מײַן ברודער איז אַ יעגער-מאַן.
ער וועט אײַך שוין פֿיל שיסן קאָן;
ער וועט אײַך געוויס שוין שיסן,
ער וועט אײַך געוויס שוין שיסן".

13. ווי דער ברודער האָט די שטימען דערהערט,
איז ער גלײַך אין וואַלד אַרײַן;
און געפֿונען די שוועסטער הענגט אויף
אַ ביימעלע,
און דערצו נאָך צוויי יונגע קנאַבלען.

14. „וואָס קומט די מענטשן פֿאַר דערפֿאַר,
וואָס נעמט און שנײַדט בלוט און פֿלייש?
טוט מיט אונדז וואָס איר ווילט,
הענגט און טרענקט, ברענט און בראָט".

(פּאָדבראָדז, ווילנער ג"ו)

אינג׳ נ׳ 623

I

NAMED HERO

**9. צוועלף אַ זייגער ביי דער נאַכט**

1. צוועלף אַ זייגער ביי דער נאַכט,
:ווען אַלע מענטשן טוען שלאָפֿן גיין,:
:דאַן גייט אַרום יאַנקעוו פּאַלמער,
און טוט רײדן צו זיך אַליין.:

2. צו זיך אַליין טוט ער ריידן,
:און דבורהצקע טוט אים אַנטקעגן גיין:
:,אַצינד. אַצינד איז די צייט געקומען,
דו מוזט מיר זאָגן: יע צי ניין.׳:

3. „יע צי ניין, קען איך דיר ניט זאָגן,
:ווײַל מײַנע עלטערן, זיי שטערן מיר;:
:מײַנע עלטערן טוען מיר שטערן,
איך זאָל פאַר דיר קיין כּלה ניט ווערן.״:

4. ווי יאַנקעוו פּאַלמער האָט די ווערטער דערהערט,
:אַזוי האָט עם פּאַרדראָסן;:
:ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער,
און האָט דבורהצקען דערשאָסן.:

5. ווי ער האָט איר דערשאָסן,
:אַזוי איז זי געפאַלן ווי אַ שטיין;:
:ער האָט אומגעקערט דעם רעוואָלווער,
און געשאָסן זיך אַליין.:

6. זיך אַליין האָט ער ניט געטראָפֿן,
:ער האָט זיך מערניט דעם מוח צערירט;:
:דערווײַלע איז אָנגעלאָפֿן גאַנץ פּאָליציי,
און יאַנקעוו פּאַלמער אַרעסטירט.:

7. יאַנקעוו פּאַלמער אין אָסטראָג,
:און דבורהצקע אויף איר אייביקן אָרט.:
מענטשן, מענטשן, נעמט זיך אַראָפּ אַ ראיה:
מיר האָבן גערעכנט צו גיין צו דבורהצקעס חופּה,
און הײַנט גייען מיר צו איר לוויה.

(פּאָדבראָדז, ווילנער ח׳)

אינגוו׳ ג׳ 627

YANKEV PALMER

Rendez-vous

oldest German stanza form

every 2 lines = syntactic unit

II

NAMED



זייגער עלעף ביי דער נאַכט,
ווען קיין שום מענטש טוט אין דרויסן גיין,
אַרויפֿגעשיקט האָט דער מערדער יאַקוב:
דבורהלע זאָל צו אים אַרונטערגיין.

ווען דבורהלע איז צו אים אַרונטערגעקומען
איז זי געבליבן פֿון דער ווײַטנס שטיין.

*=איבערגעקערט. **=שמועסן.



„יעצט, דבורהלע, איז די צײַט געקומען,
זאָלסט מיר זאָגן — יאָ אָדער ניין!״

„יאָ אָדער ניין קען איך דיר נישט זאָגן,
ווײַל מײַן מאַמע לאָזט מיך מיט דיר נישט גיין;
מײַן מאַמע טוט מיר מײַנע וועגן שטערן —
כ׳זאָל פֿאַר דיר קיין כּלה נישט ווערן״.

ווי דער מערדער יאַקוב האָט נאָר דאָס דערהערט
האָט עס אים שטאַרק פֿאַרדראָסן;
אַרויסגענומען האָט ער דעם רעוואָלווער
און האָט דבורהלען דערשאָסן.

ווי ער האָט נאָר דבורהלען דערשאָסן
געבליבן איז זי ליגן ווי אַ ליים;
אויסגעדרייט האָט ער דעם רעוואָלווער
און געשאָסן האָט ער זיך אַליין.

זיך אַליין האָט ער נישט געטראָפֿן,
ווײַל די קויל איז אין איר אַרײַן.
„בלײַבטס מיר געזונט, מײַנע גוטע ברידער,
איך גיי שוין אין קרימינאַל אַרײַן!

הערטס נאָר אויס, מײַנע גוטע ברידער,
וואָס איך וועל מיט אײַך שמי׳סן: *
אַז איר וועט אַ מאָל אַ ליבע שפּילן,
קיין ליבע זאָלט איר נישט דערשיסן!״

האריאַנס

(ראַכעסטינג כ.)

1. פּרמַסיק אינדערפרי בא דער שוועסטער געזעסן,
בא דער שוועסטער געזעסן א זשאַרקאָיע געגעסן,
א זשאַרקאָיע אופגעגעסן, א ביכל בראָנפן פאַרטרינקען,
און יעצט דאַרף מען גיין ראָבעלען אומברענגען.

pot roast

non sequitor!

2. „ניין, מײַן ברודער, גיי ניט אהינ,
ווײַל ראָכעלע איז דאָך א שיינ קינד".
„ניין, מײַן שוועסטער, דו טאָרסט דאָס מיר ניט זאָגן,
ווײַל פון ראָכעלעס צאָרעס קאָן איך ניט איבערטראָגן".

3. ווי איך בין נאָר צו ראָכעלען אין שטוב אריינגעקומען,
איז ראָכעלע געשטאַנען בא דעם שפּיגל פאַרנומען,
דעם קאָפּ זיך געקעמט און א לאָק זיך געמאַכט,
און איך האָב זי באַלד פאַרטיק געמאַכט.

CHARACTERIZATION

4. איך בין נאָך געשטאַנען, א מינוט נאָך געטראַכט,
האָט זי באַלד א פרעג געטאָן פאַרטראַכט,
זי האָט א קוק געטאָן אין שפּיגל, צי דער לאָק ליגט איר שיין,
„זאָג זשע מיר, ראָכעלע, יאָ צי ניין?"

5. „יאָ, צי ניין, קאָן איך דיר ביט זאָגן,
ווײַל מײַנע עלטערן פאַרוואַליען מיר ניט,
מײַנע עלטערן טוען מיר שטערן,
אז איך זאָל פאַר דיר קיין קאַלע ניט ווערן".

6. ווי איך האָב נאָר די ווערטער דערהערט,
אזוי האָב איך זי געגעבן א מאָרדעווע אף דר'ערד,
געכאַפּט דעם רעוואָלווער און האָב זי געשאָסן,
ארויסגענומען א מעסער אין דער זײַט אריינגעשטאָכן.

7. ווי איך בין נאָר פון דער שטוב ארויסגעלאָפן,
האָבן מיך מײַנע טאַוואַרישטשעס געטראָפן,
„ניין, טאָוואַרישטשעס, גייט אוועק פון מיר,
איך האָב געהאַרגעט מײַן זיס לעבן און גיי אף סיביר".



meanwhile, back at the ranch

דבורהלעס מאַמע איז אין קיך געשטאַנען,
זי האָט דאָס פלייש אָפּגעגאָסן;
אַ שלעכטע בשורה האָט מען איר אָנגעזאָגט,
אַ' מ'אָט דבורהלען דערשאָסן.

„העלפֿט מיר, שכנים, העלפֿט מיר וויינען,
העלפֿט מיר וויינען און קלאָגן!
אַז ענקערע קינדער וועלן ליבעס שפּילן,
קיין דעות זאָלט איר זיי נישט זאָגן!

Moral #2

•= שמועסן.

העלפֿט מיר, שכנים, העלפֿט מיר וויינען,
העלפֿט מיר וויינען און שרײַען!
כ'האָב נישט געוואָלט צו דבורהלעס חופּה גיין,
מוז איך יעצט גיין צו איר לוויה!"

דינעוו, גאַליציע

8. איך טורמע געזעסן א דריי-פיר מעסעס,
מע פירט זי, מיין ראָכעלען, טויט ווי א מעס,
טויט ווי א מעס איז זי געווען,
און איך האָב געוואָלט מיט איר אין דר'ערד אריינגיין.

בקורי־טעה, 1925. וואר. צו גטערג 64-65 — לקמאנ
א.א.פ. ז. 163.

IV

# הושענא רבה אויף דער גאַנצער וועלט.

*Andante Moderato.* (מעסיג בעוועגלט)



הושענא־רבה, אויף דער גאַנצער וועלט,
ווען די מיידעלאך געהען פון די פאַבריקען;
דרעהט זיך אַרום דער שעהנער הערמאַן,
זיין כלה טוט ער אויסקיקען.
} ביס

חי ר'האָט זי דערזען פון דערווייטענס געהן,
אַזוי איז ער דאָך געבליבען שטעהן:
„היינט איז געקומען די ליבע צייט
דו זאָלסט מיר זאָגען, צי יאָ צי — ניין?
} ביס

יאָ צי ניין קאָן איך דיר נישט זאָגען,
ווייל מיינע עלטערען טוען מיר שטערען;
מיינע עלטערען זיי טוען מיר שטערען
איך זאָל פאַר דיר א כלה ווערען".
} ביס

אַזוי ווי הערמאַן האָט דאָס דערהערט,
האָט עס אים שטאַרק פערדראָסען;
ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער.
דבורה'ן האָט ער דערשאָסען.
} ביס

אַזוי ווי ר'האָט זי דערשאָסען,
אַזוי איז ער דאָך געבליבען שטעהן:
אַרויסגענומען האָט ער דעם רעוואָלווער
און האָט דערשאָסען זיך אַליין.
} ביס

קומט אַהער דבורה'ס חבר'טאָרינס,
און נעמט ענק אָפּ א ראיה:
איר האָט געזאָלט געהן צו דבורה'ס חתונה,
איצט וועט איר געהן צו איר לויה.
} ביס




איך עס נישט, איך טרינק נישט, איך שלאָף נישט קיין נעכט,
|: איך טו נאָר בענקען נאָך דיר; :|
מסתמא האָסטו שוין אַן אַנדערע אַן אַ זײַט,
דו האָסט שוין פֿאַרגעסן אָן מיר.

ווען איך וואָלט געווען אַ פֿייגעלע פֿונעם וואַלד
|: וואָלט איך צו דיר געפֿלויגן; :|
ווען איך וואָלט געהאַט שטריקעלעך
וואָלט איך צו דיר געצויגן.

ווען איך וואָלט געווען אַ פֿישעלע פֿונעם וואַסער
|: וואָלט איך צו דיר געשוווּמען, :|
און אַז איך וואָלט וויסן, ווּ דו ביסט,
וואָלט איך צו דיר געקומען.

איך בעט דיך בנאמנות, האָב אויף מיר רחמנות,
|: אוי, האָב שוין רחמנות אויף מיר! :|
מאַך אויף מײַן האַרץ, וועסטו זען מײַן שמאַרץ
וועסטו שוין קומען צו מיר.

וואַרשעווער געגנט

84

מײַנע שבתים און מײַנע יום-טובים
|: פֿאַרגייען אין יאָמער און געוויין. :|



אַז איך דערמאָן מיך אין מײַן טײַער זיס-לעבן
טוען מיר מײַנע כּוחות אויסגיין.

מײַנע כּוחות גייען מיר אויס,
|: איך קען זיי שוין מער ניט דערפֿילן; :|
דעם צענטן מיידעלע וועל איך פֿאַרזאָגן,
זי זאָל שוין קיין ליבע ניט שפּילן.

און אַז אַ מיידעלע שפּילט אַ ליבע
|: ווערט זי דאָך אָן אירע פֿאַרבן; :|
און אַז זי שפּילט די ליבע ניט אויס
קען זי דאָך יונגערהייט שטאַרבן.

„שטאַרב ניט, דושעניו, שטאַרב ניט, ליובעניו,
|: צו אונדזער ליבע נעמט זיך שוין אַן עק; :|
זײַ מיר געזונט, מײַן טײַער זיס-לעבן,
איך פֿאָר דאָך שוין פֿון דיר אַוועק!”

און אַז דו פֿאָרסט פֿון מיר אַוועק
|: אַליין וועל איך דאָ איבערבלײַבן; :|
און אַז דו וועסט ניט וועלן אַ בריוועלע שיקן —
אַ גרוס זאָלסטו כאָטש מיר שרײַבן.

און אַז אַ מיידעלע שפּילט אַזאַ ליבע,
|: מעג זי זײַן אָרעם צי רײַך, :|
פֿון דער נײַ-שענסטער און פֿײַנסטער ליבע
לאָזט זיך דאָך אויס אַ טײַך.

און אַז די טײַכעלעך טריקענען אויס
|: בלײַבן די גריבעלעך ליידיק; :|
און אַז אַ מיידל שפּילט איר ליבע ניט אויס
ווערט זי פֿאַרפֿאַלן אויף אייביק.

טשימעראָוויק, פּאָדאָליע

85

אוי, די כּוחעלעך גייען מיר אויס!
איך קען זיי שוין מער נישט דערשפּירן;
דעם צענטן מיידעלע וועל איך פֿאַרזאָגן,
זי זאָל שוין קיין ליבע נישט פֿירן.